# אייערע רעכטן און באשוצונגען קעגן סורפרייז מעדיצינישע בילז

ווען איר באקומט קעיר פאר אן עמערגענץ אדער ווערט באהאנדלט דורך א פראוויידער אינדרויסן-פון-נעטווארק אין א אין-נעטווארק שפיטאל אדער אמבולאטארי כירורגישער צענטער, זענט איר באשוצט פון באלאנס בילינג. אין די פעלער, מעג מען אייך נישט רעכענען מער ווי די קאפעימענטס פון אייער פלאן, קאאינשורענס און/אדער דעדאקטעבל.

## <u>וואס איז דאס "באלאנס בילינג" (צומאל גערופן "סורפרייז בילינג")?</u>

ווען איר זעט א דאקטאר אדער אן אנדער העלט קעיר פראוויידער, איז מעגלעך איר וועט דארפן באצאלן געוויסע ארויס-פון-טאש אויסגאבן, אזוי ווי א קאפעימענט, קאאינשורענס, אדער דעדאקטעבל. עס איז מעגלעך איר וועט האבן מער אויסגאבן אדער דארפן צאלן דעם גאנצן ביל אויב איר זעט א פראוויידער אדער באזוכט א העלט-קעיר ארט וועלכע איז אינדרויסן פון אייער העלט פלאן נעטווארק.

"אינדרויסן-פון-נעטווארק" מיינט פראוויידערס און ערטער וואס האבן נישט אונטערגעשריבן א קאנטראקט מיט אייער העלט פלאן צו געבן סערוויסעס. אינדרויסן-פון-נעטווארק פראוויידערס מעגן אייך מאנען געלט פאר די אונטערשייד צווישן וואס אייער פלאן דעקט און די פולע סומע וואס עס קאסט די סערוויס. דאס רופט זיך "**באלאנס בילינג.**" די סומע איז מן-הסתם מער ווי אין-נעטווארק קאסטן פאר די זעלבע סערוויס און איז מעגלעך נישט צו גערעכנט ווערן פאר אייער פלאן'ס דעדאקטעבל אדער יערלעכע ארויס-פון-טאש באגרעניצונג.

"סורפרייז בילינג" איז אן אומגעריכטע באלאנס ביל. דאס קען פאסירן ווען איר קענט נישט קאנטראלירן ווער איז פארמישט אין אייער קעיר, אזוי ווי ביי אן עמערגענץ אדער ווען איר באשטימט א באזוך ביי אן אין-נעטווארק ארט אבער ווערט באהאנדלט אומגעריכט דורך אן אינדרויסן-פון-נעטווארק פראוויידער. סורפרייז מעדיצינישע בילז קענען קאסטן טויזנטער דאלארן אפהענגיג אויפן פראצעדור אדער אויפן סערוויס.

## <u>איר זענט באשוצט פון באלאנס בילינג פאר:</u>

### עמערגענץ סערוויסעס

אויב איר האט אן עמערגענץ מעדיצינישע צושטאנד און באקומט עמערגענץ סערוויסעס פון אן אינדרויסן-פון-נעטווארק פראוויידער אדער שפיטאל, קענען זיי אייך מאנען מערסטנס אייער פלאן'ס אין-נעטווארק קאסט-באטייליגונג סומע (אזוי ווי קאפעימענטס, קאאינשורענס, און דעדאקטעבלס). מען **קען נישט** מאנען פון אייך באלאנס בילז פאר די עמערגענץ סערוויסעס. דאס נעמט אריין סערוויסעס וואס איר וועט מעגלעך באקומען נאכן ווערן אין א סטאביליזירטער צושטאנד, סיידן איר שטעלט צו אין שריפט אז איר פארגעבט אייערע באשוצונגען נישט צו ווערן געמאנט באלאנס ביל פאר די דערנאך-סטאביליזאציע סערוויסעס. אויב אייער אינשורענס ID קארטל לייענט "פולע אינשורענס איבערדעק," איז **נישט מעגלעך** פאר אייך צו געבן צושטימונג און אויפגעבן אייערע באשוצונגען נישט צו ווערן געמאנט באלאנס ביל פאר די דערנאך-סטאביליזאציע סערוויסעס.

### געוויסע סערוויסעס אין אן אין-נעטווארק שפיטאל אדער אמבולאטארי כירורגישער צענטער

ביים באקומען סערוויסעס פון א אין-נעטווארק שפיטאל אדער אמבולאטארי כירורגישער צענטער, איז מעגלעך אז געוויסע פראוויידערס דארט זענען אינדרויסן-פון-נעטווארק. אין די פעלער, קענען די פראוויידערס אייך מאנען מערסטנס אייער פלאן'ס אין-נעטווארק קאסט-באטייליגונג סומע. דאס איז גילטיג מיט עמערגענץ מעדיצין, אנעסטעזיע, פאטאלאגיע, ראדיאלאגיע, לאבאראטאריע, נעאנאטאלאגיע, כירורגישער אסיסטענט, האספיטאליסט, און אינטענסיוויסט סערוויסעס. די פראוויידערס **קענען נישט** מאנען פון אייך א באלאנס ביל און מעגן **נישט** בעטן פון אייך צו אויפגעבן אייערע באשוצונגען נישט צו ווערן געמאנט א באלאנס ביל.

אויב איר באקומט אנדערע סארט סערוויסעס אין די אין-נעטווארק ערטער, **קענען** אינדרויסן-פון-נעטווארק פראוויידערס **נישט** מאנען אייך א באלאנס ביל, סיידן איר שטעלט צו צושטימונג אין שריפט און פארגעבט אייערע באשוצונגען. אויב אייער אינשורענס ID קארטל לייענט "פולע אינשורענס איבערדעק," איז **נישט מעגלעך** פאר אייך צו אויפגעבן אייערע באשוצונגען פאר די אנדערע סערוויסעס אויב זיי זענען א סורפרייז ביל. סורפרייז בילז זענען ווען איר זענט אין אן אין-נעטווארק שפיטאל אדער אמבולאטארי כירורגישער ארט און אן אנטייל נעמיגער דאקטאר איז נישט געווען אוועילעבל, האט א נישט אנטייל נעמיגער דאקטאר אייך צוגעשטעלט סערוויסעס אן אייער וויסן, אדער אומגעריכטע מעדיצינישע סערוויסעס זענען צוגעשטעלט געווארן.

**סערוויסעס וואס זענען רעפערירט געווארן דורך אייער אין-נעטווארק דאקטאר**
אויב אייער אינשורענס ID קארטל לייענט "פולע אינשורענס איבערדעק," נעמען סורפרייז בילז אריין ווען אייער אין-נעטווארק דאקטאר רעפערירט אייך צו אן אינדרויסן-פון-נעטווארק פראוויידער אן אייער צושטימונג (אריינגעמיג לאבאראטאריע און פאטאלאגישע סערוויסעס). די פראוויידערס **קענען נישט** מאנען פון אייך א באלאנס ביל און מעגן **נישט** בעטן פון אייך צו אויפגעבן אייערע באשוצונגען נישט צו ווערן געמאנט א באלאנס ביל. עס איז מעגלעך איר וועט דארפן אונטערשרייבן א פארם (צו באקומען אויפן דעפארמענט פון פינאנסיעלע סערוויסעס [וועבזייטל](#)) די פולע באלאנס בילינג באשוצונג זאל קענען אנגיין.

**איר ווערט קיינמאל נישט געפאדערט צו פארגעבן אייערע באשוצונגען פון באלאנס בילינג. איר זענט אויך נישט געפאדערט צו נעמען אינדרויסן-פון נעטווארק קעיר. איר קענט אויסוועלן א פראוויידער אדער ארט אין אייער פלאן'ס נעטווארק.**

**ווען באלאנס בילינג איז נישט ערלויבט, האט איר אויך די באשוצונגען:**

- איר זענט בלויז פאראנטווארטלעך צו צאלן אייער חלק פון די קאסטן (אזוי ווי קאפעימענטס, קאאינשורענס, און דעדאקטעבלס וואס איר וואלט באצאלט אויב דער פראוויידער אדער ארט וואלט געווען אין-נעטווארק). אייער העלט פלאן וועט צאלן סיי וועלכע צוגאב קאסטן דירעקט צו אינדרויסן-פון-נעטווארק פראוויידערס און ערטער.

- אין אלגעמיין, מוז אייער העלט פלאן:
  - דעקן עמערגענץ סערוויסעס אן צו פאדערן פון אייך צו אפנעמען באשטעטיגונג פאר סערוויסעס פון פאראויס (אויך באקאנט אלס "פאראויס אויטאריזאציע").
  - דעקן עמערגענץ סערוויסעס דורך אינדרויסן-פון-נעטוואק פראוויידערס.
  - באזירן וואס איר קומט דעם פראוויידער אדער ארט (אנטיילנעמען אין די קאסטן) אויף וואס ער וואלט באצאלט אן אין-נעטווארק פראוויידער אדער ארט און וויזן די סומע אין אייער דערקלערונג פון בענעפיטס.
  - רעכענען יעדע סומע איר צאלט פאר עמערגענץ סערוויסעס אדער אינדרויסן-פון-נעטווארק סערוויסעס צו אייער אין-נעטווארק דעדאקטעבל און ארויס-פון-טאש באגרעניצונג.

**אויב איר האלט אז מען האט געמאכט א טעות אין אייער ביל און אייער איבערדעק איז אפהענגיג אין דעם ניו יארק (New York) געזעץ** ("פולע אינשורענס איבערדעק"), פארבינדט זיך מיטן ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו פינאנסיעלע סערוויסעס (New York State Department of Financial Services) אויף 342-3736 (800) אדער [surprisemedicalbills@dfs.ny.gov](mailto:surprisemedicalbills@dfs.ny.gov). באזוכט http://www.dfs.ny.gov פאר אינפארמאציע וועגן אייערע רעכטן אונטער דער סטעיט געזעץ.

פארבינדט זיך מיט CMS אויף 1-800-985-3059 פאר זעלבסט-באצאלטע איבערדעק אדער איבערדעק געקויפט אינדרויסן פון ניו יארק. באזוכט [http://www.cms.gov/nosurprises/consumers](http://www.cms.gov/nosurprises/consumers) פאר אינפארמאציע וועגן אייערע רעכטן אונטער דער פעדעראל געזעץ.